בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
קי"ג

יו"ל: ער"ח שבט ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם
זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**"זעה וואס דיינע ווערטלעך האבן געבראכט!"**

**..."היינט זאגט ווערטלעך!"**

**"דיין טאטנ'ס חכמות ווען אים פארטרייבן!"**

**"איך זעה נישט קיין ריקוד פון 'שמחה'!"**

**געקוקט אינמיטן 'כתר' אויפן זייגערל...**

**אריינגעבראכט א שמחה אין עולם אצילות!**

**געווארפן א שאלאכטס...**

**א גאנצער קאפעלוטש אנגעצונדן מיט לעכט...**

**מיר זענען דאך פול מיט 'מילי דשטותא'...**

**"פקודי ה' ישרים משמחי לב"**

**'יהי רצון שיסרחו שונאינו'...**

**..."זאלט איר נישט לאַכן!"**

**"איך קען דאך נישט ארויסגיין אינדרויסן!"**

**וואַרט צו ביז עס הויבט אָן טאָגן!**

**"עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי"**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

**ארה''ק: 02.560.7387**

**ארה''ב: 646.585.2985**

**ענגלאנד: 0330.390.0487**

**בעלגיע: 03.808.1775**

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #113**

מכון טעם זקנים

שיחתו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:


**יוסף מענדל האס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©

כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ'ס ולהדפיסם, וכמו כן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של

**$15**

יש להתקשר:

**להרב נחמן אשר האס**

**(+1) 845-548-1179**

בס"ד

# פרשת בשלח (ח"ב)

## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 130#)

## "זעה וואס דיינע ווערטלעך האבן געבראכט!"

(המשך שיעור ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ח בענין העלאת ותיקון הדיבור לשרשו)

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: אין בארדיטשוב איז געווען א שותק?) יא, רבי יוסף האט ער געהייסן, ער איז געווען א שותק. ער איז געווען א געוואלדיגער למדן, און ער האט זיך אמאל געשפאַרט מיט דעם בארדיטשובער רב אין א שטיקל גמרא. דער בארדיטשובער רב האט גע'שם'ט מיט זיין גאונות, ער איז געווען א געוואלדיגער גאון. און ער האט זיך געשפארט מיטן רב. האט זיך אנגערופן דער בארדיטשובער רב: "אין הימל זאגט מען אזוי ווי איך זאג!" דער ר' יוסף פלעגט זאגן ווערטלעך, האט ער געזאגט: "אין הימל קען מען אויך האבן א טעות"...

ער האט זיך באלד געגעבן א כאפ 'וואס האב איך דא געזאגט?!' האט זיך אנגערופן דער בארדיטשובער רב: "זעה יוסף יוסף וואס דיינע ווערטלעך האבן דיר געבראכט אז דו האסט געקענט זאגן אזא מין ווערטל!" האט ער אויף זיך גענומען אז ער זאל אויפהערן זאגן ווערטלעך. אז ער האט אויפגעהערט צו זאגן ווערטלעך האט ער אנגעהויבן טריקענען (- איינשרימפן), ער האט געהאט א געוואלדיגן צער, ער איז דאך געווען מורגל צו זאגן א ווערטל, יענער גיט א שמייכל,

דאס איז דאך געווען אינגאנצן זיין חיות. אז ער האט אויפגעהערט, האט ער געטריקנט[א].

מען רעדט דאך דא פון דעם 'דיבור'. מען פלעגט זאגן: "**יעדער תורה איז א רעצעפט פון דעם אפטייק!**" דא רעדט דער רבי פון 'דיבור'. ווייטער וועט דער רבי רעדן פון 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים', פון דעם 'שורש אמיתי של הדיבור', פון 'מעלה זיין דעם דיבור'! - א תורה! א רעצעפט פון 'דיבור', דער דיבור קען זיין ער זאל זיין 'ים של שלמה', 'מלכות', און 'אדנ"י'. און דער דיבור קען זיין א 'רוח סערה', "רשעים כים נגרש". דא רעדט מען נישט פון עבירות, נאר פון א 'דיבור פגום'; א 'דיבור פגום' מאכט אָן אזעלכע חורבנות. בשעת ער רעדט ארויס דעם דיבור פגום ווייסט ער נאך גארנישט, אבער נאך דעם ווערט אזא מין רוח סערה ביי אים, עס הויבט אָן קאכן. נאר וואס דען, וויבאלד ער וועט תשובה טוהן, זיך אויסרעדן פארן אויבערשטן, האבן חרטה, געוועגטליך (- כמובן שיכול לתקן). אבער אזוי איז עס א געוואלד, א געוואלד!

❖

## ..."היינט זאגט ווערטלעך!"

(ר' נחמן בורשטיין: איינער האט געוואלט זאגן עפעס א ווערטל, האט דער רבי אים געגעבן דריי תנאים?) **דער רבי האט אזוי געזאגט: "א ווערטל מוז האבן אין זיך די דריי תנאים: איך זאל נישט הנאה האבן פון דעם ווערטל; איך זאל נישט מיינען יענעם צו טרעפן; און עס זאל נישט זיין קיין ניבול פה - היינט זאגט ווערטלעך!".**

[א] עי' שיש"ק ח"ג תרט"ו, שסיים שם: וּמֵחֲמַת שֶׁהָיָה רָגִיל בְּכָךְ מְאֹד יִיסֵּר אוֹתוֹ פְּרִישָׁתוֹ זוֹ שֶׁפֵּרַשׁ לְגַמְרֵי מִדִּבְרֵי הֲלָצָה עַד שֶׁנֶּחֱלָה בְּמַחֲלַת הָרָזוֹן רַ"ל, וְחָלָה כָּל כַּךְ שֶׁפַּעַם כְּשֶׁבִּקֵּר בַּמִּקְוֶה בְּטוּלְטְשִׁין רָאוּ אֵיךְ שֶׁהִרְזָה כָּל כָּךְ עַד שֶׁנִּשְׁקַף מִגּוּפוֹ אֵבָרָיו הַפְּנִימִיִּים, וּכְשֶׁשְּׁאֲלוּהוּ עַל כָּךְ, נַעֲנָה וְאָמַר בְּדֶרֶךְ צַחוּת עַל פִּי דִּבְרֵי הַמִּשְׁנָה שֶׁבְּאָבוֹת פרק ב, שֶׁאָמְרוּ "**אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמְךָ עַד יוֹם מוֹתְךָ**", וְקָרְאוֹ "**אַל תַּאֲמִין בְּעַצְמוֹתֶיךָ**" אַף שֶׁרָזִים הֵם כָּל כָּךְ, כִּי אִם אֶחְזוֹר לְדַרְכִּי וְאוֹמַר שׁוּב רַק הֲלָצָה אַחַת, אַשְׁמִין כְּמִקֶּדֶם!".

(השואל: וואס הייסט הנאה האבן דערפון? נישט אלס גאווה נאר סתם ער האט הנאה?) **אז א מענטש זאגט א ווערטל און יענער לאכט נאך צו, האט ער הנאה דערפון. ער זאל נישט הנאה האבן דערפון. און ער זאל נישט מיינען יענעם צו טרעפן. "היינט זאגט ווערטלעך!" ווארום אויב די דריי תנאים זענען דא קען מען שוין קיין ווערטל נישט זאגן!**

❖

## "דיין טאטנ'ס חכמות וועלן אים פארטרייבן!"

(ר' נחמן: ווענמען האט דער רבי געזאגט, "דיין טאטנ'ס חכמות טרייבן אים?") **דאס האט דער רבי געזאגט צו ר' ראובן יוסל'ען[ב]. ר' ראובן יוסל'ס טאטע האט געהייסן, ר' ישראל, ער איז געווען א גרויסער למדן, ער איז געווען רבי נחמן טולטשינער'ס א זיידע. דער רבי האט געזעהן אמאל** (ווי ער פירט) **עפעס א 'בוררות' דארטן, האט ער געזעהן ווי ער גייט פארקרימט מיט חכמות אזוי אינעם לערנען. האט דער רבי געזאגט צו ר' ראובן יוסל'ען: "דיין טאטנ'ס חכמות וועלן אים פארטרייבן!"[ג]**

**אין לערנען האט דער רבי אויך פיינט געהאט אז מען גייט לערנען אזוי מיט ממציא זיין נייע סברות[ד].**

---

[ב] דודו של ר' נחמן מטולטשין (אח אביו ר' אברהם). מאנשי המשא ומתן שבתלמידי רבינו ז"ל. עובד ה', גאון ולמדן מופלג במעלה. מוהרנ"ת בשהותו בהייסין וכן אנ"ש בדרכם מברסלב לאומאן היו מתאכסנים ולנים בביתו. גידל בביתו את ר' נחמן מטולטשין כשנתייתם מהוריו, ובביתו נתוודע ר' נחמן הנ"ל אל מוהרנ"ת. נפטר בשנת תקצ"ה או תקצ"ו. (העתק מספר גידולי הנחל).

[ג] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' י"ב (ע"פ ליקוטי עצות ערך 'תמימות', אות ג'): "**כשאדם הולך אחר שכלו וחכמתו, יוכל ליפול בטעותים ומכשולות רבים** ... כי עיקר היהדות הוא לילך בתמימות ובפשיטות בלי שום חכמות, ולהסתכל בכל דבר שעושה שיהיה שם השם יתברך. ולבלי להשגיח כלל על כבוד עצמו, רק אם יש בזה כבוד השם יתברך יעשה, ואם לאו לא. **ואז בודאי לא יכשל לעולם**".

[ד] חיי מוהר"ן, אות קצ"ד: "**גַּם בְּעִנְיְנֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאֵינוֹ מַסְכִּים עַל אֵלּוּ הַלּוֹמְדִים וְהַגְּדוֹלִים שֶׁרוֹצִים דַּיְקָא לְהַמְצִיא חֲדָשׁוֹת, כְּגוֹן אֵיזֶה דִּין חָדָשׁ אוֹ אֵיזֶה הַנְהָגָה חֲדָשָׁה, וְכַוָּנָתָם**

דער ר' ישראל איז געווען א למדן, און אז ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן האט דער רבי אים געזאגט דער תורה פון "ויענו כל העם יחדו"[ה]. דער רבי האט אים געזאגט: "דו ביסט דאך א למדן, וועל איך דיר זאגן א לומד'ישע תורה!". דער רבי האט אים געזאגט דער תורה פון "הוסיף יום אחד מדעתו" (עיי"ש).

זיי זענען עטליכע ברידער געווען (בני ר' ישראל), עס איז געווען ר' אברהם - רבי נחמן טולטשינער'ס טאטע, ר' ראובן יוסל'ען - עטליכע ברידער, זיי זענען אלע געווען מקורב צום רבי'ן, לומדים.

❖

## "איך זעה נישט קיין ריקוד פון 'שמחה'!"

(אחד הנוכחים: דער רבי זאגט אז מען דארף זיך משמח זיין תמיד מיט "מילתא דשטותא"[ו]) וואס מיינט 'מילי דשטותא'? יעדער איינער כאפט זיך אָן מיט דעם ווארט 'מילי דשטותא'

---

אֵינָהּ עַל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ רַק לְהַמְצִיא חֲדָשׁוֹת. וְאָמַר שֶׁהִיא תַּאֲוָה אֵצֶל הַגְּדוֹלִים לְהַמְצִיא חֲדָשׁוֹת דַּיְקָא וְלֹא הָיָה דַּעְתּוֹ מַסְכִּים עַל זֶה כְּלָל, כִּי אֵין אָנוּ צְרִיכִין לְהַמְצִיא חֲדָשׁוֹת רַק הָעִקָּר שֶׁיִּהְיוּ כַּוָּנָתוֹ אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ".

[ה] ליקוטי מוהר"ן סי' ק"צ.

[ו] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד: "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר מְאֹד בְּכָל הַכֹּחוֹת, לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד. כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים, עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל, **וַאֲפִלּוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא**". גם עיי"ש תניינא סי' מ"ח: "וְהָעִקָּר לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד. וִישַׂמַּח עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל, **וַאֲפִלּוּ עַל יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא**, לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּשׁוֹטֶה וְלַעֲשׂוֹת עִנְיָנֵי שְׁטוּת וּצְחוֹק אוֹ קְפִיצוֹת וְרִקּוּדִים, כְּדֵי לָבוֹא לְשִׂמְחָה, שֶׁהוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד". גם עי' שיחות הר"ן, אות כ': "ואמר כי לזכות לשמחה זה קשה וכבד להאדם לזכות לזה יותר משאר כל העבודות. ענה ואמר: **כפי הנראה שאי אפשר לבוא לשמחה כי אם על ידי עניני שטות, לעשות עצמו כשוטה ולעשות עניני צחוק ושטות** וכו' כמבואר במקום אחר, ורק על ידי זה באין לשמחה". גם עי' חיי מוהר"ן אות תקצ"ג: "**וְעַל פִּי רֹב צְרִיכִין לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּמִלֵּי דִשְׁטוּתָא**, לַעֲשׂוֹת עִנְיָנֵי צְחוֹק וּמִלְּתָא דִבְדִיחוּתָא כְּדֵי לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בַּמֶּה דְּאֶפְשָׁר. **וְעַל פִּי רֹב אִי אֶפְשָׁר לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ כִּי אִם עַל יְדֵי זֶה**, כִּי הַמָּרָה שְׁחוֹרָה וְהָעַצְבוּת מִתְגַּבֵּר עַל הָאָדָם יוֹתֵר מִן הַכֹּל, וְקָשֶׁה לְשַׁבְּרָהּ יוֹתֵר מִכָּל הַמִּדּוֹת, וּמַזֶּקֶת לְהָאָדָם מְאֹד יוֹתֵר מֵהַכֹּל. וְכָל עִקַּר הִתְרַחֲקוּת

- און אויף דעם סמך קען מען שוין זאגן ווערטלעך און געלעכטער; וואס הייסט מילי דשטותא?! (ר' נחמן: דער רבי האט דאך אזוי געזאגט[ז]: "עס האט א פנים אז מען קען אנדערש נישט פרייליך זיין נאר דורך נאריש מאכן זיך!") וואס הייסט 'נאריש מאכן זיך'? דורך דער 'מילי דשטותא' וואס מען רעדט זיך איין, קומט מען נאך נישט צו צו קיין שמחה, קומט מען נאך נישט צו צו קיין ישוב הדעת[ח]...

כמה מאל וואס מען רעדט דערפון - און מען קען דאס נישט פארטייטשן. מען האט דאס געזעהן ביי אונזערע לייט, עס האט א חן געהאט. אט דער דיבור פון רבי'ן "עס האט א פנים" וכו', האט דער רבי אויך געמיינט די גרויסע עובדי השם וואס זענען זייער דבוק אינעם אויבערשטן - און עס איז טאקע זייער ווייט (שיהיו בשמחה).

איך געדענק, אמאל אין אומאן איז מען געגאנגען א ריקוד, ממש עס האט זיך געגאסן די שוויים, א פייער, א פייער. רבי אברהם ר' נחמן'ס האט געקוקט, האט ער זיך אנגערופן: "א ריקוד מיט התעוררות - זעה איך, נאר מיט שמחה - זעה איך נישט!" א ריקוד פון שמחה זעה איך נישט.

די ערליכע אידן, דער ענין פון שמחה איז געווען ביי זיי גאר עפעס אנדערש - ביי זיי איז געווען (שייך) דעם דיבור (פון רבי'ן) "עס האט א פנים" וכו'. ביי אונז וואס

---

כָּל אָדָם מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִיא רַק מֵחֲמַת עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, עַל כֵּן צְרִיכִין לִרְאוֹת לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל הַכֹּחוֹת בְּכָל מַה דְּאֶפְשָׁר". גם עי' ליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ו, אות י"ד, ל"ט.

[ז] ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ד, אות ה': "וְעִקַּר הַשִּׂמְחָה אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת כִּי אִם עַל יְדֵי מִילֵּי דִּשְׁטוּתָא, כְּמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאָמַר בָּזֶה הַלָּשׁוֹן "סֶע הָאט אַ פָּנִים אָז מֶע קֶען מֶער נִיט פְרֵיילִיךְ זַיין נָאר מִיט נַארִישׁ מַאכִין זִיךְ", וְכֵן דִּבֵּר עוֹד מִזֶּה כַּמָּה פְּעָמִים".

[ח] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י': "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן ... אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ. רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ" וכו', עיי"ש.

ווערט דאס? מען כאפט א ווארט מילי דשטותא, מען קריכט אריין און עס ווערט אסאך פגמים דארט...

עס האט עפעס אַן ענין, א דיבור איז א דיבור. די גמרא זאגט דארטן[ט], אז רבה פלעגט זאגן א 'מילתא דבדיחותא' פארן לערנען, און נאך דעם ("ובדחו רבנן. ולבסוף יתיב באימתא ופתח בשמעתא"). די גדולים, די תנאים האבן געהאט אזעלכע הייליגע מוחין אריינצוגיין מברר זיין אַן הלכה ברוח הקודש, עס איז געווען 'שכינה מדברת מתוך גרונם', האבן זיי געמוזט פריער מאכן עפעס א מילתא דבדיחותא אז זיי זאלן אריינקומען אין גדלות המוחין, און נאך דעם זענען זיי אריין. אבער וואס ווילן מיר זיך נאכקרימען מיט די מילי דשטותא? האבן מיר דען די מוחין? האבן מיר דאס דביקות וואס עס פעלט ביי אונז אוים?

ביי זיי איז דאך געווען ממש אזוי ווי דער רבי זאגט דארטן ביים 'רב ובן יחיד'[י]: "ער האט נישט געפילט קיין טעם אין דאווענען און ער האט נישט געוואוסט 'פארוואס'". 'מיר' אז מיר פילן נישט קיין טעם, ווייסן מיר 'פארוואס'; מיר דארפן זוכן 'פארוואס'? אז מען פילט א טעם אין אנדערע זאכן, אין אנדערע נארישקייטן, פיל איך נישט קיין טעם אין דאווענען!

דער בן יחיד איז געווען א 'מאור הקטן', ער איז געווען ריין פון אלע מיני תאוות, פון אלע מיני דביקות'ן; אז ער האט נישט געוואוסט 'פארוואס' פיל איך נישט קיין טעם אין דאווענען - גיי צו דעם צדיק, וועט ער דיר זאגן 'פארוואס'. זיי, זיינע חברים, האבן אים אויך נישט געקענט זאגן 'פארוואס', ער איז געווען א מאור הקטן, א געוואלדיגער מענטש איז ער געווען.

---

[ט] פסחים קיז. שבת ל: (ועי' רש"י שם: "ובדחי רבנן" - **נפתח לבם מחמת השמחה**) ובזוהר ויקרא דף מז:

[י] מעשה ח' מספה"ק סיפורי מעשיות, עיי"ש.

דא איז אויך דאס אייגענע, עס איז פארהאן אמאל אזעלכע מענטשן וואס זיי זענען אזוי גאנץ אין עבודת השם - און פון שמחה זענען זיי ווייט. דער רבי זאגט[יא]: "תפילה שהיא בשמחה, היא עריבה ומתוקה לשם יתברך" - א תפילה מיט שמחה! דער אויבערשטער העלפט אים, ער הערט זיך צו דעם דאווענען, ער האט אביסל התעוררות - אבער שמחה וויל מען ביים דאווענען![יב] דאס איז דאך אַן אנדער סארט ענין, די מענטשן וואס זענען אזוי דבוק אינעם אויבערשטן מוזן דאך אביסעלע (נייחא למוחין).

❖

## געקוקט אינמיטן 'כתר' אויפן זייגערל...

מען דערציילט אז איינער איז געקומען אמאל צום באַרדיטשובער רב. ער האט אסאך מתנגדים געהאט אויף זיך. האט איינער (אחד מהמתנגדים) געזעהן ווי דער באַרדיטשובער רב האט ארויסגענומען דארט ביי 'כתר' דעם זייגערל און געקוקט אויפן זייגערל. האט ער שוין באקומען (חומר) צו רעדן לשון הרע מיט רכילות - 'אינמיטן כתר קוקט ער אויפן זייגערל'...

נו, האבן אים שוין אנדערע צדיקים געזאגט[יג]: **"ער האט געהאט אזא מין דביקות צום אויבערשטן אז ער איז שיעור אויסגעגאנגען פון חיות אז ער האט געמוזט א קוק טוהן אויפן זייגערל ער זאל זיך אביסל אפשטעלן!"** אז נישט וואלט ער

---

[יא] ספר המידות, ערך 'תפילה', אות פ"א.

[יב] עי' שיחות הר"ן, אות ע"ד: "**וכן בענין השמחה, בפרט בשעת התפילה** שצריכין שתהיה התפילה בשמחה גדולה **וצריכין להכריח עצמו לשמח** עצמו בכל מה שיכול כדי לזכות לשמחה **ובפרט בשעת התפילה** וכמובא על פסוק 'אזמרה לאלקי בעודי' וכו', עיי"ש". עוד שם, אות ע"ה: "**ויזהר מאד להתפלל בשמחה** ולהרגיל עצמו שתהיה התפלה **בניגון של שמחה**. ויראה לשמח את עצמו קדם התפילה ולהחיות את עצמו בכל מה דאפשר. ולחפש למצא בעצמו איזה נקודה טובה כדי לזכות לשמחה **שיוכל להתפלל בשמחה**".

[יג] עי' שיש"ק ח"ג תרכ"א שזה היה רבי ר' ברוכ'ל ממעז'בוש.

גארנישט געקענט (אויסהאלטן)! "איה", "מלא כל הארץ כבודו", ער גייט אוים! מיטן זייגערל האט ער זיך אביסל מצמצם געווען.

אז איך וועל אויך אזוי וועלן טוהן - אינמיטן קדושה כאפן דעם זייגערל, קרימסטו זיך נאך! פארקרימסטו זיך נאך! ביי אים איז אזוי געווען אזא מין דביקות צום אויבערשטן אז ער האט זיך געמוזט מצמצם זיין, ער וואלט נישט געקענט אויסהאלטן.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה כ"ד[יד], אז די ספירה פון 'כתר' וואס איז די העכסטע ספירה, איז א לשון פון 'ווארטן'. 'כתר' איז א מחיצה וואס איז "פָּרוּס בֵּין הַנֶּאֱצָלִים לְבֵין הַמַּאֲצִיל", ער שטייט אינדערמיט און ער לאזט נישט דעם מח זאל ברענען אזוי פיל. ער ברענט דאך צום אויבערשטן, ער פלאקערט צום אויבערשטן - האלט ער אפ, אזא מין כח איז דא למעלה.

❖

## אריינגעבראכט א שמחה אין עולם אצילות!

דער רבי האט א זאג געגעבן אויפן בעל שם הקדוש[טו]: "אז ער זאגט א ווערטל ברענגט ער אריין א שמחה אין עולם אצילות!".

דער בעל שם מיט א ווערטל ברענגט אריין א שמחה אין עולם אצילות - ביי די צדיקים איז געווען אזעלכע מיני זאכן. אבער וואס זאלן מיר רעדן פון מילי דשטותא? מיר האבן נישט וואס צו טוהן? צו וויל איך טאקע באמת זיין פריילך? און וואס הייסט ביי מיר פריילך? צו וואס פעלט מיר דער שמחה? זיי זענען דאך געווען ממש

---

[יד] עיי"ש אות ז' וח'.

[טו] חיי מוהר"ן, אות תצ"ה: "וּכְבָר סִפֵּר שֶׁהַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָמַר פַּעַם אַחַת וֶוערְטְל, וְהָיוּ מְחַיְּכִין בְּעוֹלָם הָאֲצִילוּת. הַיְנוּ שֶׁהֵבִיא שִׂמְחָה גַּם בְּעוֹלַם הָאֲצִילוּת, עַד שֶׁגַּם שָׁם הָיוּ מְחַיְּכִין עַל יְדֵי הַוֶּוערְטְל שֶׁלּוֹ".

אויף אזא מדריגה אז זיי האבן געברענט צום אויבערשטן, אזא מין צמאון געהאט צום אויבערשטן, ער האט נישט געקענט גארנישט טוהן, האבן זיי געמוזט האבן אביסעלע שמחה אויך.

רבי נתן זאגט[טז], דוד המלך האט זיך געמאכט שפייען דארטן ביי אבימלך, "בְּשַׁנּוֹתוֹ אֶת טַעְמוֹ לִפְנֵי אֲבִימֶלֶךְ"[יז], פון דארט איז די ראיה אז ער האט זיך געמאכט משוגע. (ר' נחמן: אכיש מלך גת האט געזאגט -) "חֲסַר מְשֻׁגָּעִים אָנִי?"[יח] אזוי איז ער ניצול געווארן פון אים. עס איז טאקע פארהאן אמאל אזא מין ענין אז מען איז ארייגעכאפט אין זיינע הענט, מען זעהט שוין (שאֵין ברירה), מאכט מען זיך אזוי, מען שפייט זיך אפ. (ר' נחמן: די גמרא זאגט[יט]: "אהניא ליה שטותא"!) יא.

❖

ביים רבי'ן איז דאך אויך אזוי געווען. ווען דער רבי איז געווען אין איסטאנבול, האט ער זיך געשפילט מיט שטעקעלעך מיט די פרענקעלעך, און געגאנגען אנגעטוהן נישט אזוי...[כ] נו, אויך א מילי דשטותא.

דער רבי האט געדארפט קומען קיין ארץ ישראל האבן 'גדלות דגדלות'[כא], האט ער געמוזט שפילן מיט די פרענקעלעך, מיט שטעקעלעך אינדרויסן. דאס הייסט, אַן

---

[טז] ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ד, אות ו'.

[יז] תהלים לד.

[יח] שמואל-א כא, טז.

[יט] כתובות יז.

[כ] עי' כ"ז בחיי מוהר"ן, אות קל"ט; ובשבחי הר"ן חלק שני, אות י"ב.

[כא] עי' חיי מוהר"ן, אות ק"מ: "**וְשָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאָמַר כִּי קֹדֶם שֶׁבָּאִים לְגַדְלוּת צְרִיכִין לִפֹּל בִּתְחִלָּה לְקַטְנוּת וְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא גַּדְלוּת דְּגַדְלוּת עַל כֵּן צְרִיכִין לִפֹּל בִּתְחִלָּה לְקַטְנוּת דְּקַטְנוּת וְעַל כֵּן לֹא הָיָה יָכוֹל הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לָבוֹא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל כִּי לֹא הָיָה יָכוֹל לֵירֵד לְתוֹךְ קַטְנוּת כָּזֶה. וְהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָכָה לָבוֹא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל יְדֵי גֹּדֶל הַקַּטְנוּת שֶׁיָּרַד לְשָׁם בְּחָכְמָתוֹ הָעֲצוּמָה לְקַטְנוּת מֻפְלָג, קַטְנוּת דְּקַטְנוּת, עַד שֶׁזָּכָה לָבוֹא לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהוּא גַּדְלוּת דְּגַדְלוּת**".

ענין פון מילי דשטותא. אבער וואס קענען מיר נאכטוהן די מילי דשטותא? מיר האבן דאך נישט אינגאנצן דאס דביקות אז מיר זאל פעלן די מילי דשטותא! ביי זיי איז דאך ממש - דאס חיות גייט אים אוים צום אויבערשטן, אזא ברענונג האט ער, מוז ער זיך אביסל (אראפלאזן).

❖

## געווארפן א שאלאכטס...

דער טשעהרינער רב איז אמאל געפארן אויפן וועג צוריק פון ראש השנה, און אינמיטן וועג, מוצאי צום גדלי', האבן זיי געגעסן דארטן צוזאמען. און דאכט זיך, איך ווייס נישט צו דער רב צו אַן אנדערער[כב], האט געגעבן א ווארף יענעם א שלאכטס דארטן פון די אבטיחים (- מעלאנע), איז געווארן א שמחה... שוין, א מילי דשטותא.

איך וועל וועלן דאס נאכטוהן? איך וועל זעהן דארטן אַן ערליכן אידן וועל איך ווארפן א שאלאכטס? בין איך דאך אַן עזות פנים! מען דארף זיך נישט לאזן נארן. מען האט געזעהן ממש אידן וואס זענען געווען דבוק אינעם אויבערשטן, א דביקות צום אויבערשטן, עס האט זיי געפעלט אביסעלע התרוממות, זענען זיי געווארן פרייליך (במילתא דשטותא)[כג].

---

[כב] עי' טעם זקנים ע"ד, שרבי אפרים ב"ר נפתלי זרקו לכיוון הרב מטשעהרין והרב חזר וזרקו לכיוונו. ובשיש"ק ח"ג, אות שס"ח, שר' אברהם בער'ניו זרקו לכיוון הרב מטשעהרין והרב חזר וזרקו לכיוונו.

[כג] עי' ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ד, אות י"ד: "כִּי **הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל שֶׁיֵּשׁ לוֹ דַּעַת גָּדוֹל, הוּא מוֹרִיד עַצְמוֹ לִפְעָמִים בְּכַוָּנָה לְעִנְיְנֵי קַטְנוּת וּמִילֵי דִּשְׁטוּתָא**, בִּבְחִינַת בְּטוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה זֶהוּ קִיּוּמָהּ, וְכַמְבֹאָר מִזֶּה בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל בְּמָקוֹם אַחֵר (סִימָן עח לִקּוּטֵי תִּנְיָנָא), וְזֶהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת **יְרִידָה שֶׁקֹּדֶם הָעֲלִיָּה** שֶׁמֵּחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁמֹּחוֹ נִתְיַגֵּעַ וְאֵינוֹ יָכוֹל עוֹד לֵילֵךְ בְּמֹחוֹ יוֹתֵר, אֲזַי הוּא מֻכְרָח לְהוֹרִיד עַצְמוֹ לְעִנְיְנֵי קַטְנוּת וּמִילֵי דִּשְׁטוּתָא וְכַיּוֹצֵא, וְכַמּוּבָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ בְּרַב הַמְנוּנָא סָבָא דַּהֲווּ מְסַדְּרִין קַמֵּיהּ תְּלַת פִּרְקֵי מִילֵי דִּשְׁטוּתָא, וְאַחַר כָּךְ עַל יְדֵי בְּחִינַת יְרִידָה זוֹכֶה לְתַכְלִית הָעֲלִיָּה, בִּבְחִינַת יְרִידָה תַּכְלִית הָעֲלִיָּה בִּבְחִינַת בִּטּוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה זֶהוּ קִיּוּמָהּ, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל פָּסוּק עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ".

❖

## א גאנצער קאפעלוטש אנגעצונדן מיט לעכט...

ר' מיכעלע (ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת) איז געווען זייער פול מיט דביקות. ר' דוד צבי (אחיו) איז געווען אביסעלע פרייליכער. האט מיר דערציילט ר' נאשקע[כד] ע"ה, אז ר' דוד צבי (זקינו) האט געהאט א ברייטן קאפעלוטש עקסטער אויף פורים, האט ער אנצינדן ארום און ארום לעכט אויפן קאפעלוטש - און ער האט געגעבן א קום אריין אזוי מיט די לעכט - דער גאנצער קאפעלוטש אנגעצונדן מיט לעכט... אז ער איז אריינגעקומען איז געווארן א שמחה.

(ר' נחמן: אריינגעקומען צו ר' מיכעלען?) ניין, זיי זענען געזעצן דארטן צוזאמען (בסעודת פורים).

איך האב געקענט ר' דוד צבי, ממש געווען אידן דבוק אינעם אויבערשטן, עובדי השם. און מיט א שמחה האט מען ממש יענעם אויפגעלעבט. יענער האט געפילט אז דאס דארף ער האבן צו דעם דביקות. דאס רעדט דער רבי, 'עס האט א פנים אז מען קען נאר (זיין פרייליך) מיט א מילי דשטותא', ביי די הויכע מענטש איז אזוי געווען.

(השואל: ווער איז געווען ר' דוד צבי?) ר' יצחק (בן מוהרנ"ת) וואס ער איז געפארן קיין ארץ ישראל, האט געהאט צוויי זין, עס איז געווען ר' מיכעלע, און דער עלטערער ברודער ר' דוד צבי. איך האב אים געקענט, איך האב אים געזעהן, תרע"ה, ראש השנה, און איך בין געווען איינמאל ביי אים אין שטוב אים מבקר חולה געווען[כה] - א געוואלדיגער פרייליכער מענטש געווען. ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד.

---

[כד] ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת.

[כה] נפטר בשנת תרע"ו.

נאשקע ע"ה האט מיר געזאגט טאקע אמאל אויף ר' דוד צבי: "מיר רעדן נאר פונעם פעטער (ר' מיכעלע), פונעם זיידן רעדט מען גארנישט; מען ווייסט נישט ווער דער זיידע איז געווען!" ער איז געווען א הויכער סארט מענטש[כ].

די מענטשן פלעגן זיך צונויף קומען דארט אמאל - ר' אבא'לע (מטשעהרין, תלמיד מוהרנ"ת), ר' אפרים (ב"ר נפתלי), און ר' פנחס יהושע (בייטלמאכער, תלמיד מוהרנ"ת), די זקנים, צדיקים, און זיי זענען געווען אלע מיט אזא מין דביקות. און אז איינער האט געמאכט א ווערטעלע האט מען זיך מחיה געווען, ממש אויפגעלעבט, דאס איז די מילי דשטותא, דאס האט זיי ממש אויפגעהויבן דעם מח אז זיי האבן געקענט וויטער דינען דעם אויבערשטן.

## מיר זענען דאך פול מיט 'מילי דשטותא'...

עס איז פארהאן אמאל אין א מענטש אזא מין (כבידות) אז ער קען זיך נישט רירן - און דאס פעלט דאך, איז ביי זיי שייך דעם דיבור פון מילי דשטותא. אבער וואס איז ביי אונז? וואס זאלן מיר זיך נאכקרימען? פשוט, דאווען און לערן, היט אפ די אויגן, אפהיטן דאס מויל. זיי זענען דאך געווען אפגעהיטענע מענטשן, הייליגע מענטשן, זיי זענען געווען דבוק, האבן זיי געמוזט האבן א רגע אביסעלע התרוממות המוח, האבן עפעס וואס זאל זיי אויפהויבן, פארשטייסט? האבן זיי געמוזט זוכן די עצות. מיר זענען דאך נאך גאנץ אין פארנט, מיר שטייען דאך אינגאנצן אינדרויסן, וואס רעדן מיר פון די מילי דשטותא? "פקודי ה' ישרים משמחי לב", לאמיר זיך צורירן צו פקודי ה', די תורה מאכט פרייליך, לאמיר זיך צורירן צו די עצות פונעם רבי'ן אז דאס זאל מיר מאכן פרייליך.

ביי זיי, די גדולים, זיי האבן דאך די אלע עצות, און די אלע עצות טוהען זיי, און זיי זענען אין א גרויסע דביקות, דארפן זיי האבן דעם 'בשנותו את טעמו לפני

---

[כ] רק מחמת היותו צנוע ונסתר מאד בטבעו, השכיל והצליח ביותר להסתיר את גדלותו. עי' אודותיו שיח שרפי קודש (חדש) ח"ב, אותיות תר"ע – תרע"ח.

אבימלך' אזוי ווי דוד המלך האט געטוהן. אבער מיר שטייען דאך אינגאנצן אינדרויסן, לאמיר זיך אננעמען מיט די עצות פון תורה מיט תפילה און מצוות ומעשים טובים, אפהיטן דעם דיבור, לאמיר אריינגיין פריער אין דעם גרויסן דביקות, נאך דעם וועלן מיר רעדן פון מילי דשטותא. טאמער שטיי איך נאך אינדרויסן אינגאנצן - וואס רעדן מיר שוין פון מילי דשטותא? מען שטייט און מען מען בטל'ט און מען רעדט און מען פלאַפלט, דאס אליין איז דאך מילי דשטותא... דו ביסט דאך פול מיט מילי דשטותא! פארוואס זוכסטו מילי דשטותא? מען דארף זיך נישט לאזן נארן! מען רעדט פון גדולים, ממש איך האב געקענט אזעלכע אידן וואס זענען ממש געווען גדולים און זענען געווען דבוק אינעם אויבערשטן, און אז מען האט זיי געגעבן א מאך פריילך האבן זיי זיך אזוי מחיה געווען.

ר' בנציון אפטער[כז] האט געהאט א כח יענעם מאכן פריילך. די ערליכע אידן האבן זיך ממש מחיה געווען מיט אים, עס האט זיי געפעלט דאס.

דער שווער ע"ה (ר' אהרן קיבליטשער) פלעגט אויך (יענעם פריילך מאכן). רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט פארן קיין קיבליטש ער זאל אים מאכן אביסל פריילך![כח] דער שווער איז געווען א געוואלדיגער פרייליכער מענטש. אויך אזוי, א איד וואס איז געווען דבוק אינעם אויבערשטן, געווען כסדר אין די פעלדער, אין די וועלדער, איז

---

[כז] שמו המלא: ר' בן ציון חיים ב"ר יחזקאל יעקב ארבעטסמאן ז"ל. התקרב לברסלב בהיותו כבן 18. בשנת תרס"ה הגיע בפעם הראשונה לאומן, והיה בין הראשונים שהגיעו מפוילן. קירב רבים לרבינו ז"ל. כל משפחתו נהרגה בשואה, לאחר השואה עלה לא"י ודר בבני ברק, היה בעל מספר גדול ובעל שמחה גדול. חוץ מלילי שבת לא היה ישן על מיטה. נלב"ע כ"א אלול תשל"ג. ומנו"כ בהר הזיתים. (גידולי הנחל)

[כח] עי' ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ד, אות ה': "וְזֶהוּ הָעִנְיָן מַה שֶּׁהָיוּ נוֹהֲגִין כָּל הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ שֶׁעַל פִּי רֹב הָיָה לָהֶם אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ כְּמוֹ בַּדְּחָנִים, וְהָיוּ עוֹשִׂים לְפָנִים כָּל מִינֵי צְחוֹק וּשְׁטוּת כַּמְפֻרְסָם. וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל שִׂמְחָה, כִּי אֵין דָּבָר מַזִּיק לַעֲבוֹדַת ה' כְּמוֹ הָעַצְבוּת, כַּמּוּבָא בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים. וּמִגֹּדֶל מְרִירַת וְצָרוֹת הַגָּלוּת הַמַּר הַזֶּה בְּגוּף וְנֶפֶשׁ וּמָמוֹן אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה כִּי אִם עַל יְדֵי מִילֵי דִּשְׁטוּתָא דַּיְקָא כַּנַּ"ל".

ער געפארן א נסיעה מען זאל אים מאכן אביסל פרייליך. דער שווער האט געטאנצט און געשפרונגען, געמאכט פרייליך...

מיר כאפן אמאל א שיחה פונעם רבי'ן - און מען וויל 'שוין' מקיים זיין דער שיחה. אבער לאמיר זעהן ארום און ארום, דער רבי האט נאך תורות – א גאנצער ליקוטי מוהר"ן - כאפט מען זיך אָן אין דער שיחה פון מילי דשטותא...

❖

## "פקודי ה' ישרים משמחי לב"

(ר' נחמן: רבי נתן פלעגט שבת נישט זינגען קיין התעוררות'דיגע ניגונים!) יא יא. רבי נתן, "מעין עולם הבא" פלעגט ער זינגען ביי שלש סעודות; פרייטאג צונאכטס - נישט. ער האט נאר געזונגען דעם פרייליכן "אזמר בשבחין" (דעם נידריגן פאַל)[כט]. רבי נפתלי איז שוין געווען א מנגן האט ער שוין געזינגען דעם התעוררות'דיגן (- דעם הויכן פאַל)[ל].

איך האב געזעהן אונזערע לייט, זיי האבן געלערנט ליקוטי הלכות, איי, אזוי פרייליך געלויכטן! דער "ליקוטי הלכות" - דאס האט זיי געמאכט פרייליך! זיי האבן זיך דערקוויקט אזוי! זיי האבן געלערנט א תורה אין ליקוטי מוהר"ן און געווארן אזוי פרייליך. מיר האבן דאך זאכן וואס מאכן אונז פרייליך, ממש דעם רבי'נס זאך מאכט פרייליך.

פארוואס זאגט דער רבי אין דער תורה אין דעם אנדערן חלק אין תורה י', אז "דאס וואס די וועלט איז ווייט פון השם יתברך איז ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת, 'ולבוא לישוב הדעת' איז דורך 'שמחה', 'ולבוא לשמחה' איז דורך דער תורה

---

[כט] עי' ליקוטי תפילות, תפילה קל"ח: "וְאֶזְכֶּה לְהַרְבּוֹת בִּזְמִירוֹת וְשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים בְּשִׂמְחָה וְחֶדְוָה גְדוֹלָה בְּקוֹל שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה **בְּנִגּוּנִים שֶׁל חֶדְוָה וְצָהֳלָה בְּלִי שׁוּם אֲחִיזַת עַצְבוּת וּדְאָגָה וּמָרָה שְׁחוֹרָה כְּלָל**".

[ל] הובא בשיש"ק ח"ג, אות תנ"ט.

'אזמרה לאלקי בעודי'". זאל דער רבי זאגן, 'ולבוא לשמחה איז דורך מילי דשטותא?!'...

דער רבי האט געהאט געוואלדיגע מענטשן, ממש זיי האבן געברענט צום אויבערשטן, גאנצענע נעכט געפלאקערט צום אויבערשטן - 'זיי' דארפן טאקע האבן דאס דאזיגע, זיי מוזן טאקע א מילתא דשטותא אויפצוהויבן דעם מח. (אבער אזוי סתם), זאגט דער רבי, "ולבוא לשמחה" איז דורך דער תורה 'אזמרה לאלקי בעודי'.

❖

## 'יהי רצון שיסרחו שונאינו'...

ר' אפרים רבי נפתלי'ס איז דאך געווען א בעל בתי'שער מענטש. אמאל איז דאך נישט געווען דער פריזשידער. און על-פי רוב איז דאך ראש השנה א הייסער טאג. רבי נחמן טולטשינער האט צוגעגרייט אויף יום-טוב, און אז מען האט געגעסן די פיש, האט די פיש געהאט אביסל א ריח... האט רבי אפרים געזאגט: 'יהי רצון שיסרחו שונאינו'... מען דארף דאך האבן א 'יהי רצון' אויף די אלע מאכלים וואס מען עסט - 'יהי רצון שיסרחו שונאינו'. עס איז געווארן א שמחה, ר' אפרים - א קלייניקייט?! זיין דביקות צום אויבערשטן! האב איך געהערט, אז ער האט אריינגעבראכט א שמחה ביים טיש, ראש השנה.

מיר דארפן זיך היטן פון ווערטלעך, ווייל דאס איז גורם אז מען היט נישט אפ די אויגן, מען היט נישט אפ דאס מויל, און מען היט נישט אפ דעם געדאנק, מען פלאפלט און מען רעדט אזוי[לא]. בשעת מעשה מיין איך אז איך בין פריילעך - איך מיין נאר אז עס מאכט מיר פריילעך, אבער עס איז אפגענארט. דער עיקר פרייליכקייט איז, אז דער אויבערשטער העלפט ביים דאווענען און ביים לערנען אז דורך דעם

---

[לא] עי' "אוצר היראה", ערך 'ליצנות': "אָמַר הַמַּעְתִּיק: שָׁמַעְתִּי מִשֵּׁם בַּעַל הַמְחַבֵּר סֵפֶר 'לִקּוּטֵי־הֲלָכוֹת' זַ"ל שֶׁאָמַר בְּעַל־פֶּה, **שֶׁעִקַּר הַטֻּמְאָה וּפֶתַח הַטֻּמְאָה הוּא לֵיצָנוּת**, וְאַסְמְכֵהּ אַדִּבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל שֶׁאָמְרוּ (במס' יומא לח, ב): **הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר: "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"** וְכוּ', הַשֵּׁם יַצִּילֵנוּ!".

זאל איך האבן עפעס א חיות המוחין! דאס (ווערטלעך זאגן) פארשטאפט מיר דעם מח, איך 'מיין' אז דאס מאכט מיר פרייליך.

אט די אידן זענען דאך געווען ווייט פון די אלע שמחות פון דער וועלט און פון די אלע נארישקייטן, ממש אזוי ווי איינער דארף זוכן עפעס אביסל וואסער האבן זיי געדארפט זוכן עפעס א ריח פון שמחה. איז ביי די מענטשן האט דער רבי געזאגט: "עס האט א פנים אז מען קען נישט זיין פרייליך נאר" וכו'. אבער ביי אונז? וואס דארפן מיר זיך נאכשלעפן צו זיי?

❖

(ר' נחמן: איר האט דערציילט אמאל פון ר' נחמן טולטשינער, אז איינמאל ערב פורים, תענית אסתר פאר מנחה, איז ער ארייגגעגאנגען אזוי -) יא, אריינגעגאנגען שוין מיט דער מגילה, שוין אזוי אביסל בגילופין. ר' נתן האט דאס נישט געוואלט ליידן, האט ער זיך אנגערופן: "אט וועט מען באלד זאגן 'כי בצרה גדולה אנחנו'!" אינמיטן א תענית ביי מנחה זאגט מען דאך דאס ביי 'עננו'.

❖

## ..."זאלט איר נישט לאַכן!"

דא האט דער רבי אזוי פיל תורות אויף שמחה, "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד" (וכדו'). און דא האט דער רבי געהייסן 'נישט זאגן קיין ווערטל'. דער רבי האט דאך מזהיר געווען אויף ווערטלעך אז דאס זאל האבן אין זיך די דריי תנאים. וועט מען זאגן אז מילי דשטותא האט דער רבי געמיינט 'זאגן ווערטלעך'? א ווערטל איז דאך געווען ביים רבי'ן טרייף!

אפילו דער ר' הערשעלע אסטראפאליער - ער איז געווען אמאל ביים רבי'ן[לב], ער איז געווען א גדול[לג]. (עם-כל-זה) האט דער רבי אנגעזאגט (אונזערע לייט): "ער וועט דאך זאגן ווערטלעך, זאל מען נישט לאכן!" איז דאך ווערטלעך געווען ביים רבי'ן טרייף! ווי קען דאס זיין אז מיר זאלן זאגן פראסט אז דער רבי וויל 'מילי דשטותא' אז מען זאל זיך מאכן (משוגע)? ווער זאגט דאס? ווער?

❖

## "איך קען דאך נישט ארויסגיין אינדרויסן!"

יוחנן'ס טאטע (ר' ברוך בארדיטשובער) פלעגט לערנען ליקוטי הלכות, האט ער גענומען דעם ליקוטי הלכות צום הארצן: "אה, דו קוויקסט מיר, דו ביסט דאך מיין חיות! דו קוויקסט מיר!" אזוי האבן זיך אידן מחיה געווען מיט דעם רבי'נס ספרים!

דו ווייסט וואספארא עניות איז געווען ביי דעם ר' ברוך אין שטוב? לא עלינו, לא עלינו... זי פלעגט ארויסגיין מאכן עטליכע שטיקלעך ברויט און ברענגען אין שטוב אריין צו עסן.

יוחנן איז געווען דארטן דער מעקלער אויף צו רעדן מיט ר' ברוך'ן. זי האט גארנישט געקענט רעדן מיט אים (מחמת עסקו בעבודת ה'). האט זי געזאגט פאר יוחנן: "זאג דעם טאטן, מיר האבן נישט וואס צו עסן, זאל ער ארויסגיין עפעס אין גאס מאכן עפעס!" האט יוחנן געזאגט צום טאטן: "די מאמע זאגט אז עס איז נישטא וואס צו עסן". (השיב:) "וואס זאל איך טוהן, יוחנן? איך קען דאך נישט ארויסגיין אינדרויסן, איך קען דאך נישט ארויסגיין אינדרויסן!".

---

[לב] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות תק"ס.

[לג] עיי"ש, אות תקס"א.

זיי זענען אזעלכע אידן געווען; דו ווייסט וואס דאס הייסט? עס איז נישטא וואס צו עסן - 'איך קען דאך נישט ארויסגיין'! דבוק אינעם אויבערשטן, עובדי השם געווען – א געוואלד! ער איז געווען א מין אכזר אויף די קינדער?! 'איך קען נישט'! אזעלכע עובדים איז געווען ביי אונז. ביי אים איז געווען זיין חיות אז ער האט געלערנט א שטיקל ליקוטי הלכות, ער האט זיך געקוויקט – אה! אביסל ברויט מיט וואסער און שוין, ער שרייט שוין ווייטער צום אויבערשטן!

זי האט געהאט פאר אים דרך ארץ, זי האט געוואוסט אז ער איז א גרויסער ערליכער איד, זי האט דערקענט ווער ער איז.

זי איז געווען אזא אשת חיל, זי פלעגט דאך מאכן ברויט. דעמאלט האט נאך רבי שמשון (בארסקי ז"ל) געוואוינט אין בארדיטשוב. נאך דעם איז ער ארויס קיין אומאן. פלעגט זי אריינטראגן רבי שמשון'ען אויך א שטיקל ברויט.

איך האב איינמאל געגעסן ביי ר' ברוכ'ן, שבת אינדערפרי. איך בין אנגעקומען אין בארדיטשוב, אלול (תרע"ד), בין איך געווען דארט שבת. איך האב געמיינט – איך וויים? איך האב געזעהן א טעלער רעטעך מיט... און נאך דעם האט ער געגעבן א זאג זמירות, מיט קולות א זמירות...

(ר' נחמן: חצות איז ער געגאנגען אלע נאכט ביים בארדיטשובער רב'ס ציון) **יא!**

❖

(ר' נחמן: רבי שמשון בארסקי איז ארויס קיין אומאן פון בארדיטשוב?) **פון בארדיטשוב. ער איז געווען פריער אין טשעהרין, ער איז דאך געווען א טשעהרינער.** (ר' נחמן: זיין פאטער ר' ישראל מענדל האט געוואוינט אין טשעהרין?) **יא! און ער איז געווען אַן אידעם ביי ר' אפרים'ען - שרה'קעס** (בת רבינו) **זון. איך האב אים געקענט גוט - ר' ישראל מענדל, ער פלעגט קומען קיין אומאן אויך.**

און רבי שמשון האט דארט געוואוינט, ער איז געווען א לערער[לד], ער האט געקענט דארט לשונות. און דערנאך פלעגט ער אריינגיין צו רבי משה ברסלב'ער, ער האט אים שוין מקרב געווען ממש אזוי ווי א טאטע, אזוי ווי א רבי. נאך דעם האט ער אוועקגעווארפן דאס לערעריי און ער איז ארויס קיין בארדיטשוב (ועסק רק בעבודת ה'), דארטן איז ער געווען אַן ארעמאן. נאך דעם איז ער אריין קיין אומאן, געווארן פון די אנשי מעמד, שלעפערס, ארעמעלייט געווען - אה! עובדי השם, עובדי השם!

(ר' נחמן: רבי שמשון איז געקומען פאר ר' געצען אין אומאן?) איך ווייס נישט. אז איך בין געקומען האב איך שוין געטראפןביידן.

רבי שמשון איז געווען אַן איניקל פון רבי'ן, ווייל רבי שמשון'ס מוטער 'פייגא' איז געווען ר' אפרים'ס טאכטער.

ר' געצע איז נישט געווען קיין איניקל, נאר 'זי' איז געווען דאס איניקל[לה].

(ר' נחמן: ר' געצע איז געווען אַן איניקל פון ר' פנחס יהושע (תלמיד מוהרנ"ת, מצד אמו)!) יא.

(ר' נחמן: זיין פאטער האט געהייסן ר' אברהם המלאך?) יא, אזוי האט מען אים גערופן. איך האב אים געזעהן, ער איז אמאל אריינגעקומען אין אומאן אין שול אריין, א פאר'דביק'ט אידל.

(ר' נחמן: פארוואס האט מען אים גערופן מלאך? ער איז געווען א הויכער סארט מענטש?) געוועזנטליך, יא, ער איז געווען א פארבאהאלטענער מענטש.

❖ ❖ ❖

---

[לד] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, תמ"ה.

[לה] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, אות תל"ו, שזוגתו היתה מרת אסתר בת רבי נחמן הזקן חתן ר' אפרים בנה של מרת שרה'קע בת רבינו.

## וואַרט צו ביז עס הויבט אָן טאָגן!

הכלל, בקיצור, וואס רעדן מיר דא? מיר רעדן דא א תורה פון 'דיבור', מען דארף פאררעכטן דעם דיבור. דער דיבור איז 'מלכות', "כל הנחלים הולכים אל הים", דער דיבור דארף זיין זייער אפגעהיט, אלע מידות גייען דאך אריין אין דיבור. און דער רבי זאגט דא אין דער תורה[לו], אז מעלה זיין דעם דיבור און פאררעכטן דעם דיבור איז דורך דער 'מובחר האמת שבדיבור', דאס איז 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים'; דער בעסטער סארט אמת'ער דיבור איז, רעדן צום אויבערשטן דיבורים, דאס איז דער 'מובחר האמת שבדיבור'!

דער רבי טייטשט איין דא[לז]: "שִׁכְבִי עַד הַבֹּקֶר"; אז עס קומט ביינאכט גייען ארויס די אלע 'סטרין דמסאבין', די אלע קליפות, אבער אז עס קומט אינדערפרי, ווערט "בוקר דאברהם", "הבוקר אור", "שכבי עד הבוקר", דעמאלט גייט ארויס דער דיבור 'בשיר ושבח והלל להקב"ה'!

אונזערע לייט פלעגן טייטשן, אז פון דעם וואס בועז האט געזאגט צו רות "שכבי עד הבוקר" איז דאך געבוירן געווארן דוד המלך, און ער האט דאך 'ריוה להקב"ה

---

[לו] וזל"ש, אות ג': "**וְצָרִיךְ לְהַעֲלוֹת אֶת הַדִּבּוּר לְשָׁרְשׁוֹ**, שֶׁהוּא הַזְּרוֹעַ. שֶׁהֵם חָמֵשׁ אֶצְבָּעִין שֶׁבְּיַד שְׂמֹאל, **שֶׁהֵם חֲמִשָּׁה גְּבוּרוֹת**, שֶׁהֵם בְּחִינַת חֲמֵשֶׁת מוֹצָאוֹת הַפֶּה. כִּי עִקַּר הַדִּבּוּר עַל יְדֵי חֲמֵשֶׁת מוֹצָאוֹת הַפֶּה, שֶׁהֵם הַגְּבוּרוֹת. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ק"ו): "מִי יְמַלֵּל גְּבוּרוֹת ה'", שֶׁעַל יְדֵי גְּבוּרוֹת נַעֲשֶׂה הַדִּבּוּר. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם קמ"ה): "וּגְבוּרָתְךָ יְדַבֵּרוּ", וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָה כ"ג): "הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ נְאֻם ה'". **וְהַתְחָלַת עֲלִיּוֹת שֶׁל הַדִּבּוּר, הוּא מֵרֹאשׁוֹ. הַיְנוּ מֵהַמֻּבְחָר הָאֱמֶת שֶׁיֵּשׁ בְּהַדִּבּוּר, שֶׁהוּא נִקְרָא רֹאשׁ**. כִּי יֵשׁ כַּמָּה אֱמֶת, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (סַנְהֶדְרִין צ"ז): 'אֱמֶת נַעֲשָׂה עֲדָרִים', וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קי"ט) 'רֹאשׁ דְּבָרְךָ אֱמֶת'". ובהמשך שם אות ה': "**וּכְשֶׁמַּעֲלֶה אֶת הַדִּבּוּר לְשָׁרְשׁוֹ, הַיְנוּ לִגְבוּרוֹת, וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּשַׁלְהֶבֶת הַגְּבוּרוֹת, וּמְעוֹרֵר אֶת עַצְמוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אֲזַי נִכְנָס אוֹר שֹׁרֶשׁ שֶׁל הַגְּבוּרוֹת, הַיְנוּ חֲמִימוּת הַלֵּב**. כִּי שֹׁרֶשׁ הַגְּבוּרוֹת הֵם בַּלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ט): "חַם לִבִּי בְּקִרְבִּי בַּהֲגִיגִי" וְכוּ'. **וְשָׁם שֹׁרֶשׁ אֲמִתִּי שֶׁל הָאֱמֶת שֶׁל הַדִּבּוּר**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם ט"ו): "וְדוֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ". וּמַתְחִיל לְדַבֵּר בַּחֲמִימוּת שֶׁבַּלֵּב, דְּבַר אֱמֶת שֶׁבַּלֵּב".

[לז] אות ד'.

בשירות ותשבחות"[לח]. ביינאכט איז דא די קליפות וואס גייען ארוים און מאכן געוואלדיגע חורבנות. (והעצה לזה:) "שכבי עד הבוקר"; עס ווייזט דאך אויס אז עס וועט כסדר זיין נאכט, ווי קען איך עס אויסהאלטן, עס וועט דאך קיינמאל נישט ווערן קיין בוקר? (אבל באמת, המתן), "שכבי עד הבוקר", דעמאלט גייט ארוים דער דיבור בשיר ושבח והלל להקב"ה.

אז עס קומט א ברענונג פונעם דיבור דארף מען זעהן זיך איינהאלטן. און מען זאל נישט מיינען אז דאס איז תמיד אזוי - עס וועט ווערן 'בוקר', און אז עס ווערט 'בוקר' וועט ארויסגיין דער דיבור 'בשיר ושבח והלל להקב"ה'. אינדערפרי הויבט מען טאקע אָן דאווענען - אין דער גאנצער וועלט דאוונט מען דאך.

דער רבי זאגט דא, אז דער 'תיקון הדיבור' איז אז מען לערנט תורה בלילה. 'בלילה' מיינט מען 'בצר לאדם, בעניות ובדחקות, שהוא בחינת לילה', דאס איז דער 'תיקון הדיבור'. אבער 'העלאת הדיבור' איז העכער, און דאס איז רעדן צום אויבערשטן דיבורים.

הכלל, דער רבי רעדט דא אלץ אין דער תורה פון 'תיקון הדיבור' און 'העלאת הדיבור'. דא רעדט דער רבי, אז דער דיבור איז פארראכטן דעמאלט קען מען זיין דבוק אינעם אויבערשטן, דעמאלט קען מען זיך שעמען פארן אויבערשטן, און דאס הייסט דער 'אור התפילין'. אבער אויב דער דיבור איז נישט פארראכטן קען מען גארנישט האבן קיין בושה פארן אויבערשטן, עס איז נישט קיין קלייניקייט!

מען קען נישט אזוי שארף רעדן, אבער עס שטייט א לשון פון זוהר הקדוש[לט], דער זוהר איז א שארפער זוהר, אז דער מענטש רעדט דיבורים פגומים און נאך דעם זעצט ער זיך גלייך לערנען. [עס ווייזט אויס - אז ער טוהט נישט קיין תשובה]. איז מען אים מנדה אויבן, מען לייגט אים אין חרם אריין, ווייל ער איז מזלזל אין די

---

[לח] גמ' ברכות ז:

[לט] פר' פקודי דף רמ"ט ע"ב.

דיבורים קדושים, און דער חרם האלט אָן פערציג טעג, און אין די פערציג טעג ווערט נישט נתקבל זיינע תפילות. נאך דעם רופט מען אויס אז 'דער חרם איז שוין מותר'. קומט אויס פון דארטן, א מענטש אז ער איז פוגם אינעם דיבור און ער האט נישט קיין חרטה און ער גייט שוין גלייך (לערנען, איז עס א פגם). עס מאכט זיך אמאל אינמיטן לערנען אז ער הויבט אָן צו רעדן אנדערע דיבורים - עס איז א געוואלד! עס איז אלץ פון די זאכענישן וואס א מענטש מאכט עס אזוי גרינג.

❖

## "עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי"

דוד המלך זאגט אין תהלים[מ]: "לָמָּה אִירָא בִּימֵי רָע?" - פארוואס האב איך מורא פאר די ימי רעה? "עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי" - דער עוון וואס מען טרעט מיט די פיס דאס נעמט מיר ארום. ביי מיר איז עס א היתר גמור, וואס איז עס דען? א רעד, א לאַך - אט פאר דעם האב איך מורא! אויף דעם וועט מען דאך קיינמאל קיין תשובה נישט טוהן. אז איינער האט א עוון, א גרויסער עוון, דאכט זיך אים אז ער טוהט תשובה, אבער די "עוון עקבי", די עוונות וואס מען טרעט זיי מיט די פיס - וואס? א געשפעט! - אויף דעם האב איך מורא! איך וועל דאך קיינמאל קיין תשובה נישט טוהן דערויף.

עס קען זיין אמאל ביי גדולים אויך, ער האט איז זיך אזעלכע עוולות וואס ער מיינט אז די עוולה איז קיין עוולה נישט, און ער טוהט טאקע קיין תשובה נישט, אבער טאמער איז דא אַן עוולה - אפילו ער איז דער גרעסטער, אויב ער האט אויף דער עוולה קיין תשובה נישט געטוהן איז מען אים דַן אויף דער עוולה.

אין זוהר פון שלח לך[מא] שטייט, אז רבי שמעון איז געוועזן דארט אין 'מתיבתא דרקיעא'. דער מלאך מט"ט פלעגט אים שיקן אלעמאל דארטן שלוחים צו

---

[מ] תהלים מט, ו.

[מא] דף קס"ז

איבערגעבן דאס און יענץ. האט מען אים געשיקט זאגן, אז מען האט היינט דַן געווען איינעם גאר פון די גרויסע, עפעס אנדערהאלבן שעה גיהנום.

הכלל, רבי שמעון האט געהאט זייער עגמת נפש דערפון, און מען האט אים נישט געוואלט זאגן ווער דער גדול איז. מען האט אים געזאגט, 'מארגן וועסטו שוין וויסן; און משיח אליין האט אים דן געווען'! אזא גדול האט משיח אליין דן געווען.

פארוואס איז אים דאס געקומען? ווייל ער איז געווען א 'מתכבד בקלון חברו'. יענער (חבר) האט געלערנט א לימוד, און ער האט געוואוסט אז יענער ווייסט נישט פשט, און ער האט געהייסן די חבריא שווייגן, און יענער האט געהאט א בזיון, איז דאס געווען א 'מתכבד בקלון חברו', האט מען אים געגעבן דעם עונש.

איך מיין דאך, עס איז נישט געווען אזוי פראסט ווי מיר מיינען דארט, ער איז דאך געווען א גדול, א תנא, אין רבי שמעון'ס צייטן, מסתמא איז עס געווען אויף אַן איידעלן אופן, נישט אזוי גראב צו יענעם ווייזן. אבער אזוי שטייט. מען האט נישט געשוויגן. מען רעדט אז ער האט נישט תשובה געטוהן דערויף. האט מען אים דן געווען, און עס איז אזא מין רעש געווען – א גדול, מען איז אים דַן! מען שענקט נישט.

מען דארף זעהן נאר די איינע זאך, 'רעדן צום אויבערשטן דיבורים', 'מובחר האמת של הדיבור', און זעהן אפצוהיטן דעם דיבור, 'כל הנחלים הולכים אל הים'. אידן זענען אדורך דעם ים - אזא לעכטיגקייט איז געווען ביים ים. און די רשעים זענען דערטרונקען געווארן אינעם ים - דער אייגענער דיבור. א דיבור קדוש איז 'כל הנחלים הולכים אל הים', עס איז 'אדנ"י'. און ווייטער, א דיבור 'אזוי'... (- שלא כהוגן) איז 'והרשעים כים נגרש', א 'רוח סערה', א שטורעם. מען זעהט דאך אליין וואס מען מאכט אָן מיטן דיבור רח"ל, לשון הרע מיט רכילות מיט א געשפעט, דאס איז דאך נאר דער דיבור, ער מאכט דאך חרוב עולמות, עס איז א געוואלד![מב] אין דעם

---

[מב] עי' מדרש תהלים, קפיטל ל"ט, משל נפלא ונורא עה"פ "**מות וחיים ביד הלשון**".

עולם איז עס גארנישט (מערקבאר), מען רעדט, מען רעדט - א דיבור איז דאך א געוואלד!

'דיבורי איסור' איז דאך נישטא וואס צו רעדן אז מען טאר נישט רעדן לשון הרע מיט רכילות, נאר אפילו 'דיבורי רשות' דארף מען אויך זיין זייער איינגעהאלטן מען זאל נאר רעדן א דיבור וואס האט שייכות צום תכלית צו א דיבור וואס עס איז אַן הכרח וואס מען מוז רעדן. מען דארף זיך זייער מרגיל זיין אז דער דיבור זאל נישט זיין וואלוול.

דער רבי זאגט אין תורה י"ט (אות ד'), אז דער נחש האט נישט געקענט צוגיין צו חוה'ן גליך, נאר דורכן 'עץ הדעת טוב ורע', דורך 'תרגום'. 'תרגום' מיינט מען, נישט קיין 'רע גמור' און נישט קיין 'טוב גמור', נאר אזוי 'דיבורי רשות'[מג]. און דורכן עץ הדעת, דורך 'עירוב טוב ורע', האט ער געקענט צוגיין צו חוה'ן, צום דיבור, און אריינווארפן א זוהמא אין איר.

אז מען זאל צוגיין צו אַן ערליכן אידן אים זאגן ער זאל רעדן לשון הרע, וועט ער נישט וועלן. נאר אזוי 'דיבורי רשות' דארטן רעדט ער אים איבער, דארטן קען ער אריינווארפן אין אים א זוהמא.

[מג] עי' ליקוטי הלכות הל' ערבית ה"ב: "**תַּרְגּוּם** הוּא בְּחִינַת **רְשׁוּת** בְּחִינַת **הֶתֵּר** שֶׁהוּא בִּבְחִינַת עֵץ הַדַּעַת נֹגַהּ בְּחִינַת תַּרְגּוּם כַּמּוּבָא. כִּי חִיּוּב מִצְוָה וְאִסּוּר הֵם בִּבְחִינַת קֹדֶשׁ וְהִפּוּכוֹ. אֲבָל הַהֶתֵּר וּרְשׁוּת הֵם בִּבְחִינַת תַּרְגּוּם עֵץ הַדַּעַת כַּמּוּבָא".

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

**בקשו רחמים לרפואת אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש בקרוב בתושח"י**

לעילוי נשמת מרת **פיגא רבקה** ב"ר **חיים צבי הכהן** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב ה'תשפ"ב
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה